STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01470

# A FENTSTER TSU DER VELT

P. Binecki

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Harris A. Platt*
*in memory of*
*his father Thomas R. Platt*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פ. בינעצקי



# אפענצטער צו דער וועלט

פסח בינעצקי

962

# אַ פענצטער צו דער וועלט

## לידער

פאר ליטעראטור און פראפאגאנדע
ווארשע, שענגע 60

פאַרלאַג „יידיש־בוך"
לאָדזש • 1948

הילע געצייכנס פון י. רייזמאן

**P. B i n e c k i**

**„A fencter cu der welt“**

**Poezje**

**Wyd. „Idisz Buch“ przy CKŻP**

**Łódź — 1948**

**Drukarnia R. S. W „Prasa“**

**Łódź, ul. Narutowicza 32.**

„...דער דאָרשט צו טראָגן ליכט פאַר גאָר דער מענטשהייט,
די שיין זאָל אָבער פאַר זיין פאָלק אויך זיין;
ווען ער וועט אויפדעקן דער וועלט אַ נייעם שטערן —
זאָל פאַר זיין פאָלק כאָטש פינצטערער נישט ווערן.

ש. האַלקין

# א י ך  ג ל ו י ב

## מיט אייך...

איך גיי מיט אייך אויף אַלע ווייטע וועגן,
אָ, ברידער פון מיין אַלטן שטאַם.
כ׳פאַרבלייב מיט אייך ביים ווייסלס גרינע ברעגן,
און כ׳בין מיט אייך אויף דעם צעברויזטן ים.

אָ, ברידער מיינע, שוועסטער אינעם וואָגל,
איך זינג פון אייער ליד די בענקשאַפט אויס.
איך קלאַפּ מיט פרייד אריין דעם ערשטן נאָגל,
מיט אייך צוזאמען בויענדיק אַ הויז.

און אומעטום אויף ערדס באַגרינטע פליינען,
און אומעטום, וווּ נאָר איר גייט אַ שפּאַן,
און אומעטום אין פרייד און געוויינען —
איז דאָרט מיין האַרץ מיט אייך פאַראַן.

איך בין מיט אייך אויף וואָגלערישע שיפן.
איך בין מיט אייך אויף שטיל באַרוטער ערד,
איך זינג מיט אייך אין קוואַליענדיקע טיפן
און אומעטום, וווּ ס׳איז אייך נאָר באַשערט.

אָ, שוועסטער מיינע, ברידער מיינע, יידן
ביים ירדן און ביים ווייסל־טייך,
אַוווּ באַשערט ס׳איז אונדז דעם גורל שמידן,
וועל איך דאָרט זיין מיט אייך, מיט אייך...

לאָדזש, אויגוסט 1947.

# איך גלויב

ווען דער זון־שטראַל גייט אויף אין באַגינען,
און די נאַכט טריפט אַראָפּ פון דער שויב,
ווערט דער נעפּל פון אויג מיר אַנטרונען —
לויכט אַ העלקייט מיר דורך — און איך גלויב!

כ׳גלויב דעם צווייג אין זיין האַרבסטיקן טרוימען —
נאָך געשען וועט פון בליען דער נס.
און די שוואַלב אין די בלויליכע ריימען —
זי וועט קומען צוריק צו זיין נעסט.

כ׳גלויב דעם אַלטן פאַרגעסענעם ניגון,
וואָס די מאַמע פלעגט זינגען ביים וויג —
ער וועט ווידער די קינדער פאַרוויגן,
און די ציגעלער רופן צוריק.

כ׳גלויב אין אייביקן פייער פון דאָרן,
וואָס ער ברענט און ווערט נישט פאַרברענט —
אין מיין פאָלק, וואָס געליטערט געוואָרן
און דורך ליידן זיין כוח דערקענט.

כ׳גלויב אין דעם ליכטיקן וועג פון די דורות,
וועלכע גייען אַלץ ווייטער פאָרויס,
אינעם ליכט פון די אַלטע מנורות,
וואָס זיי לעשן זיך קיינמאָל נישט אויס,

און וואָס ברענען מיט פייערן נייע
פונעם מזרחס צעצונדענעם פלאַם...
כ׳גלויב אין יידן אין קרעפטיקע, פרייע,
פון אַ ווידערגעבוירענעם שטאַם...

# א גרוס דיר, מיין גליקלעכער ברודער.

א גרוס דיר, מיין גליקלעכער ברודער,
איך זע דיך אין זוניקער שיין —
אויף כוואַליעס פון מאָרגן די רודערסט
אין ליכטיקער צוקונפט אַריין.

אַ, ברודער, איך בין דיר מקנא
דאָס גליק, וואָס עס איז דיר באַשערט,
צי איז דען א מריסט נאָך פאַראַנען
פאַר מיר אויף דער דאָזיקער ערד,

אַז יעדער פאַרוואַלגערטער ציגל
פון חרובער יידישער היים
דערמאָנט אין א קינד, וואָס אין וויגל,
אויף אייביק פאַרשטומט זיין געוויין.

עס שיקט דיר א גרוס איצט א דיכטער,
וואָס זינקט אין דעם אש פון זיין שטאַם —
ער זעט אַזוי קלאָר דיך און ניכטער
דורך געטאָס און גאַזיקן סם.

עס גריסט דיך א דיכטער פון וויטן
דורך דורות פאַרקוילטע אין בראַנד —
דיר, ייִד, אין א וועלט א באַפרייטער
פון שריַעק און פון גרויל און פון שאַנד.

נעם אויף מיינע גרוסן, אַ, ברודער
פון וויטן, פון גליקלעכן דור —
אויף כוואַליעס פון מאָרגן דו רודערסט
אַריין אין א ליכטיקער וואָר...

לאָדזש, 1947.

# די געלע לאטע...

די געלע לאטע אויף דער פּלייצע פון מיין שוועסטער,
דער שטילער טרויער אין איר שטאַרן בליק,
און דער געשריי, וואָס איז אין האַלדז פאַרשטיקט —
זיי שלייכן נאָך זיך מיין געביין ווי גרויל־געשפּענסטער.

זיי גרייכן דאָ צו מיר אין ווייטן קאַזאַכסטאַן,
וווּ ס׳הענגט אַ הימל שטענדיק בלוי אויף שניי פון בערג,
אין יעדן ווײ פון מינדסטן ווינטעלע איך הער,
ווי ס׳וויינט מיין שוועסטער אויפן צייכן פון איר שאַנד.

אָ, שוועסטער מיינע, ווו דו זאָלסט נישט איצטער זיין —
די געלע לאטע איז קיין חרפּה נישט פאַר אונדז:
עס האָבן אויך די ייִדעס אונזערע אין פּיין
אַמאָל אויף פּלייצעס טראָגן זי געמוזט,

פאַר ס׳איז דער שפּור פון זייער שׂנאה לאַנג צעשטויבט —
חעט אויך דיין פּיינט פאַרגעסן ווערן, שוועסטער, גלויב!...

אַלמאַ־אַטאַ, 1942.

# אויף די קני וועסטו פאַלן...

אויף די קני וועסטו פאַלן און בעטן אַ ביסעלע לעבן,
נאָר פאַרדאַרן די האַנט זאָל, וואָס וועט זיך אַ וואַקל טאָן דאָן!
ביים געשאָכטענעם קינד כ'האָב אַ הייליקע שבועה געגעבן:
ס'זאָל מיין טונקעלן בליק נישט צעהעלן די זוניקע שיין;

זאָל קיין פריידיקער קלאַנג נישט מיין האַרץ דאָס צעווייטיקטע שטילן,
און קיין רו נישט געפינען מיין אומרויק-עלנט געמיט,
אַזוי לאַנג ווי מיין האַנט פון נקמה דיין בלוט וועט נישט קילן,
ווי קיין שפּור וועט נישט בלייבן פון דיינע פאַרבלוטיקטע טריט.

אלמא-אטא, 1942.

# אונדזער זיג.

איך וועל זינגען צוזאַמען מיט דיר אונזער ליד פון די זיגער
און צוזאַמען מיט דיר כ'וועל באַגעגענען גיין אונזער פרייד.
אָ, אַ סך אין בר־כוכבא זיי זיינען געראָטן, די ברידער —
ווי בר־כוכבא זיי זיינען געגאַנגען באַזיגן דעם טויט.

אונזער גרויסער עקיבא דער רבי דעם וועג האָט געוויזן —
אַז דער וועג צו דער זון איז מיט שטעכיקע דערנער פאַרזייט,
אַז די זון קאָן דערגרייכן אַ מחנה פון מוטיקע ריזן,
וואָס צו דינען דעם פאָלק ביז דעם אָטעם דעם לעצטן איז גרייט.

אונדזער סטאַלין דער גרויסער, ער פירט זיי, ער פירט זיי, די ברידער —
און זיי האָבן אַ שבועה געשוווירן פון טרייהייט דעם לאַנד,
נישט צו שפּאָרן דאָס אייגענע לעבן, ביז וואַנען ס'וועט ווידער
אָט דער אייביקער פיינט זיך באַדעקן מיט קללה און שאַנד.

איך וועל זינגען צוזאַמען מיט דיר אונזער ליד פון די העלדן,
וועלכע טראָגן בר־כוכבאשע גבורה און גלויבן אין זיג.
ס'וועט נישט קענען דער פיינט זיינע קברים ביז סוף איבערציילן,
און אַ בראָך וועט פאַרטונקלען זיין חיהש־צעיושעטן בליק.

און ווען ס'וועלן, מיין פאָלק, דיינע זין פון די שלאַכטפעלדער קומען,
וועט אַ ברויז טאָן די פרייד, ווי אַ שטראָמיקער טייך בארג אַראָפּ.
און דו וועסט זיי אַנטקעגן אויסבעטן די גאַסן מיט בלומען —
נאָר דער פיינט וועט זיך אָנשיטן אַש אויף זיין קאָפּ...

אלמא־אטא, 1942.

## קען זיין...

קען זיין ביסט אויך דאָרטן געקומען,
מיט ביינערדיק־ציטריקער האנט
א ביקס צי א מעסער גענומען —
געשטעלט זיך אויף וואך ביי דער וואנט,

צוזאמען מיט יענע געלויערט
צום לעצטן פארצווייפלטן שפרונג
מיט הארץ, וואָס איז פול מיט באדויער,
צו ווערן פארשטומט אזוי יונג.

קען זיין אויך ביסט דאָרטן געפאלן
אין לעצטער פארביטערטער שלאכט
און האָסט ביי די מאָרגנרויט־שטראַלן
אויף אייביק די אויגן פארמאכט.

ווּעט אמשר אין טאָג אין דעם גרויסן,
אין טאָג פון נקמה און בראנד,
מיט רויטע, מיט פלאמיקע רויזן
דיין בלוט זיך צעבליען ביים ראנד...

# יענע נאכט...

די נאכט איז מיין בליק געווען אפן...

דורך ענדלאזע פליינען, צעגליטע פון סטעפישער זון,
א קלאנג האט אהער זיך דערטראגן, א וועק מיך געטאן

און האט אין מיין הארץ זיך צעוויגט, ווי א קופערנער גלאק:
שטיי אויף! דיינע ברידער ארויס וועלן היינט אין פארטאג

און וועלן אויף ביקסן די הערצער צעהענגען, צעפייניקטע־רויט —
מיט איינעם לעבנס א חשבון דערלאנגען דעם טויט.

און גאר שוין נישט בעטן ביים טאג, וואס וועט אויפגיין אין פלאם,
נאר בלויז א באצאלונג צו נעמען מיט איינער האנט;

נאר בלוט פארן וויב, פארן איינציקעם קינד ביי דער ברוסט.
שטיי אויף! ס'האט דיין היים דיר געשיקט היינט איר לעצטן גערוס...

האט א ברען מיר געטאן דאס געלעגער פון אונטערן לייב.
כ'בין ארויס אין דער נאכט, און דער אומרו, ער טרייבט מיך און טרייבט.

ווי מיט קוילן געשרפעט די נאקעטע טריט האט די ערד,
און עס האט מיר געקלונגען, געדרישט און געוויינט אין געהער.

און עס האט מיר א שטים נאכגעיאגט: הער זיך איין, הער זיך איין!
ס'איז די לעצטע איצט שעה, און דערנאך וועט דיין היים מער נישט זיין.

ס'איז די לעצטע איצט שעה! און ווען אויפגיין עס וועט דער באגין,
וועט דער פלאמען־געבראנד פון דיין היים בלויז זיך וויגן אין ווינט.

כ'האב א ריס זיך געטאן פונעם ארט און געלאפן פארויס
און א ווארף זיך געטאן מיטן קאפ צו דער חשכות אין שויס.

ס'האָט געדאַכט, כ'וועל אויף צווייען צעשפּאַלטן די נאַכט
וואָס אויף מיר.
נאָר — פאַרשלאָסן די וועלט, ווי אויף אייזערנע ריגלען א טיר.

איך בין צו דער ערד צוגעפאַלן, געשלאָגן ווי א הונט,
נאָר ס'איז אויך די ערד אויף מיין וואָיען געבליבן פאַרשטומט.

און כ'האָב מיט מיין קאָפּ זיך געשלאָגן אין נאַקעטן שטיין,
נאָר ער האָט דאָך אויך נישט פאַרנומען מיין יאָמער־געוויין.

האָב איך זיך געבעטן ביים ווינט פון קאַזאַכישן סטעפּ:
א, נעם מיך אַרויף אויף דיין מעכטיקן פליגל־געוועב

און טראָג מיך אַריבער די בערג אַלאַטאַוער אין הויך,
אַז ס'זאָל נאָר א שווינדל מיר געבן אַנטקעגן די צייט...

איך זאָל פאַר באַגינען אין שטוב אין מיין אַלטער אַריין
און דאָרט מיט די ברידער א טרונק טאָן דאָס לעצט ביסל שיין,

וואָס איז זיי געבליבן, געשעפּט פאַר דעם טייערסטן פּריז.
א, ווינט פונעם סטעפּ, מיר דעם וווּנדער דעם גרעסטן באַוויז,

איך זאָל אין דער סאַמע דער לעצטער, דער גרויסער מינוט
א צושטייער ברענגען די וועבער פון פיאַסקעס 1) מיין בלוט;

א צושטייער ברענגען מיין ליב, וואָס געהערט דאָך צו זיי —
די שמאָלינקע געסלעך באַנייקעס 2), דעם שול־הויף — מיין וויי.

דאָרט האָט מיר מיין מאַמע א ניגון געזונגען לעם וויג —
א טאָרבעלע האָט זי פון זיידנס מיר דאָן אויסגעשטריקט...

איך האָב דורך די יאָרן דאָס טאָרבעלע צערטלעך געהיט
און האָב אויך דעם וועבערשן אומעט פאַרוועבט אין מיין ליד.

און כ'טראָג אין מיין האַרצן די בענקשאַפט אַרום פון מיין היים,
וועל איך מיט מיין וועבערישער בענקשאַפט גאָר בלייבן אַליין,

---

1) אַרבעטער־קוואַרטאַל אין ביאַליסטאָק.
2) אַרעסטער קוואַרטאַל אין ביאַליסטאָק.

און ס'וועט זיך מיין ליד, ווי א פויגל, דערוועגן אין ברוסט —
נישט ברענגענדיק זיי דארט מיין לעצטן, מיין טרייסטנדן גרוס,

און ס'וועט ביי דעם אויפגאנג פון זון טאקע זיין שוין צו שפעט?
און ס'וועט טאקע קיינער נישט אויפנעמען איצט מיין געבעט?

אָ, ליד מיינס! טא טראג זשע זיך דו איצט אוועק אין דער וויט!
דיך זאל נישט פארהאלטן די לאנגזאמע, טרויזאמע צייט —

דו זאלסט ווי א בשורה א פלאטער טאן דארט אין מיין היים,
אין יעדער באהעלטעניש חו אונטער דר'ערד, אין געהיים,

אין יעטוועדן בונקער, אין וואלד, וואס ביים ראנד פון דער שטאט:
אז, ס'גייט אפ מיין הארץ דא מיט בלוט ביי א יעטוועדן טראט,

און קיינמאל איך וועל שוין נישט רוען ביינאכט און ביים טאג
און ווארפן דער וועלט אייער שווידער אויף יעטוועדן דאג.

און מאגען דאס בלוט פון די ברידער איך וועל דא אליין —
פון ברידער וואס זיינען געפאלן על קידוש־השם...

# ביים ווייסל

..און ווידער פון גלעזערנע הייזער דער טרוים
אויף ברעגן פון ווייסל, מיט ווערבעס באזוימט,

מיט הייזקעלעך ווייסע, אין גרינקייט צעהעלט —
ווי ס'וואלט זיי צעזאַרי באַריקאַ געשטעלט...

ווי ס'וואלט זיי פון פיינסטן קרישטאלענעם גלאז
און אַנדערס דזשעראַמסקי דאָ איבערגעלאָזט.

— — — — — — — — —

עס שעפטשען די כוואליעס פון ווייסל ביים ברעג:
„אהינצו צום בארג פירט א וואַלדיקער שטעג —

אַ שטעג, אַ פאַרוואַקסענער, טונקעלער פירט
צום שפּור פון אַ הייזל מיט בלומען באַצירט.

צום הייזל, וואָס פלעגט דאָרטן קוקן צום טאָל —
עס האָט זיך אַ טרוימער פאַרקליבן אַמאָל

און איז דאָרט געזעסן אַ יאָר נאָך אַ יאָר
און האָט דאָרט געשפּונען זיין טרוים אויף דער וואָר"...

עס שעפטשען די כוואליעס פון ווייסל ביים ברעג:
„אין זוניקע, בלויאיקע, לויטערע טעג,

ווען ס'פלעגט נאָר אַ ווײנשל אַ שפּיל טאָן אין צווייג,
און אלץ דאָ ארום ווי פאַרטראַכט איז און שווייגט —

פון קליינינקן הייזל פלעגט שפּריזן אַראָפּ
מיט יינגלשן טראָט, אַ גרויז־גרויער קאָפּ,

מיט אלטן געזיכט, נאָר מיט פייער אין בליק —
אַ טרוימער פון דורות, אַ זוכער פון גליק..

ער פלעגט זיך פאַרקוקן דאָ לאַנג אינעם בלאָ —
ווי אָפּוואַרטן ווינטשן ער וואָלט יעדע שעה,

ווי ריכטן ער וואָלט זיך כסדר אויף געסט...
כסדר געוואַרט אויפן אָנקום פון גם —

אַ נס וואָס זאָל דאָ ביי דער ווייסל געשען —
ער זאָל זיינע גלעזערנע הייזער הערזען...״

די כוואַליעס פון ווייסל זיי סודען זיך שטיל:
„און איינמאָל באַגינען אין מיטן־ווינטער קיל

געקומען פון ערגעץ אַהער זייערע „געסט״,
ווי רויבפייגל — זיינען באַפאַלן זיין נעסט.

זיי האָבן דאָס ווייסינקע הייזל פאַרלענדט,
דעם טרוים וועגן גלעזערנע הייזער געשענדט״.

עס שעפּטשען די כוואַליעס פון ווייסל קוים, קוים:
„ס׳איז איבערגעריסן געוואָרן דער טרוים״.

איז איבערגעריסן, נאָר ס׳וועבט זיך שוין דאָרט
דער טרוים פון די „גלעזערנע הייזער״ אויף וואָר...

נאָר ס׳איז צו די ברעגן געקומען אַ דור,
וואָס ווידער נעמט וועבן דעם טרוים אויף דער וואָר.

# בויען מ׳יר אויף ס׳ניי

וויפל מיר זיינען געבליבן פון דור —
וועלן מיר בויען אויף ס׳ניי אונדזער וואָר

וועלן מיר לייגן אן אָנהויב אויף ס׳ניי —
טיפער און שטאַרקער און איינער פאַר דריי...

וויפל אונז בלייבן געווען איז באשערט —
טיפער פאַרצווייגן די וואָרצלען אין דר׳ערד —

און ס׳זאָל אונזער אלטער פארבראָכענער שטאַם
פון גרויליקער אָנמאכט, פון בלוט און פון פלאַם

זיך געבן א הויב, אַ צעבלי, אַ צעשפרייט —
צו להכעיס דעם שונאס פריצייטיקער פרייד.

צו להכעיס דער נאכט און דעם פלאמען־געבראַנד,
וואָס בושעוועט נאָך ביי אַ היימישער וואַנט.

צו להכעיס דעם אייגענעם צווייפל אין הארץ,
וואָס זעט נישט דאָס ליכט אין ארומיקן שווארץ.

איז וויפל מיר זיינען געבליבן פון דור —
וועלן מיר בויען אויף ס׳ניי אונזער וואָר—

וועלן מיר לייגן אַן אָנהויב אויף ס׳ניי —
זיכער און שטאַרקער און איינער פאַר דריי.

# ווידער...

דעם העלדישן אויפשטענדלער פון מיין
היימשטאָט — וועלוול גאָלקאָווסקי

מיין חבר קומט אָן מיר אנטקעגן,
פון ערדישער טיף אויפגעטויכט.
אויף אַלע פאַרוואָגלטע וועגן
זיין בליק ווי אַ פאַקל מיר לויכט.

און בלייב איך אין צער מיינעם שטומען
ביים קבר פון גרויסן אמאָל —
דאַכט אויס מיר, כ'דערהער גלייך זיין קומען —
אין האַרצן הילכט אָפּ מיר זיין קול:

— דו שטייסט אַלץ געבויגן אין טרויער,
ווען ערגעץ ביים ראַנד פון דער ערד
אַ שטורעם פאַרציט זיך און דויערט... —
און איך האָב מיין חבר דערהערט.

איך זע ווי ער שפּרייזט שוין איצט ווייטער
פאַרביי מיר פאַרויס און פאַרויס —
עס פלאַקערט שוין ווידער אַ שייטער —
אַ פלאַם גיט די בלויקייט אַ שטויס.

ער שפּאַנט איבער קברים און גריבער
מיט אַלטע אַמאָליקע טריט,
מיט אַלטן, אַמאָליקן פיבער —
מיט גלויבן מיט אַלטן און ליד...

ער גייט... איך גיי נאָך אים פאַרצויבערט
און כ'פיל, ס'איז מיין טרויער פאַרגאַן —
אינעם ווינטיקן, האַרבסטיקן שויבער
איך בין ווידער לעם חבר פאַראַן...

יאַנואַר, 1947.

# ווּ איז דער גערעכטער?

ווּ איז ער, ווּ איז דער גערעכטער?
אַ שטים בויערט טיף מיין געהער:
עס טאַנצט און עס הוליעט דער שעכטער —
מיין בלוט רינט נאָך אַלץ פון זיין שווערד.

ווּ איז ער, ווּ איז דער גערעכטער? —
שרייט עמעץ אַריין אין מיין שלאָף —
עס שיכורט ווי פריער דער שעכטער
און ס'זעט זיך נאָך אַלץ נישט די שטראָף.

ווּ איז ער, ווּ איז דער גערעכטער? —
מאָנט אַלץ נאָך די זעלביקע שטים:
מיט בלוט אָנגעזויפּט איז דער שעכטער,
און רחמים מען בעט נאָך פאַר אים.

אַטוואַצק, יאַנואַר 1947.

## פֿון אַ שיף...

פֿון אַ שיף האָט אַן עלנדער ברודער
זיך געוואָרפֿן אויף כוואַליעס צעשוימט,
מיט די הענט, ווי צעפּאַכעטע רודערס,
צו דערשלאָגן אַ וועג זיך צום טרוים —

צו אַ ברעג אַזאַ היימישן, העלן,
וואָס אים דאַכט, אַז ער זעט מיט זיין בליק,
נאָר עס האָבן די שטורמישע וועלן
פֿון זיין טרוים אים געטריבן צוריק.

האָט מיין ברודער אין בייזן געצוויטער
זיך געראַנגלט מיט כוואַליעקן ברויז,
און זיין לייב האָט פֿון קעלט אויפֿגעציטערט —
צו דעם ברעג זיך געגעבן אַ שטויס.

נאָר אומזיסט — ס'האָט מיין עלנדער ברודער
צו דעם ברעג נישט דערשווימען געקענט,
ווי אין כוואַליעס צעבראָכענע רודערס —
פֿאַלן אָפּ פֿונעם לייב זיינע הענט.

ס'האָט האָס לייב פֿון מיין ברודער געזונקען
אַלץ טיפֿער און טיפֿער אין תהום.
נאָר די וועלט האָט אים אַלץ נאָך געוווּנקען:
אַזוי נאָנט, אַזוי נאָנט איז דיין טרוים...

לאָדזש, 1947.

## אף על פי...

איך טראָג אין די בלוטן פאַרזיגלט
דעם הייליקסטן רוף:
אויב קומען די שעה וועט פון טאָט
און כ'וועל ווערן געפרוווט —
ווי דער וואָלף, וואָס ער לאָזט פון די ציין
נישט אַרויס זיין געפאַנג,
זאָל מיין לייב אינם לעצטן געראַנגל
דערהאַלטן דעם קלאַנג:
אף על פי!

ס'האָבן שטורעמס אַסך שוין געריסן
די מיר פון מיין הויז,
פון היימישע ווענט איז געבליבן
אַ זכר נאָר בלויז —
דער טרויער, וואָס לאָזט מיך נישט אָפּ
און גייט נאָך מיינע טריט —
איך האָב אויך ווי איוב דערזונגען
דאָס יידישע ליד:
אף על פי!

דאָס אַלטע געזאַנג פון מיין שבט,
דעם לעצטן אין שלאַכט —
אויף פעלדער פון גליל ביים ירדן —
דער ייד אויף דער וואַך,
ער שמעכט זיך אַריין מיטן בליק
אינם חושך אַרום —
איך ווייס: זיינע ליפּן פאַרביסן פון צאָרן
מורמלען פאַרשטומט:
אף על פי!

אויב ס'וועט ביזן סוף מיר באַשערט זיין
דערזינגען דאָס ליד,
וואָס כ'האָב אָנגעהויבן מיט ערשטע
מיט קינדערשע טריט —
וועל איך מיטן קלאַפּ פונם האַרצן
אַלץ שעפּטשען דעם זאָג:
מיין זון, בלייב געטריי זיך אַליין און דיין שטאַם,
און דיין טאַטנס פאַרזאָג:
אַף על פּי!

וואַרשע, אַפּריל, 1948

## אַ ציגל אין וואַנט...

אַ ציגל אין וואַנט וויל איך זיין, און נישט מער,
אין וואַנט, וואָס זי בלייבט אַזוי שטיין אומגעשטערט,
ווען ס'ברעכט אויס אַ שטורעם אין האַרבסטיקער נאַכט —
די וואַנט, וואָס, פֿון ציגל געמויערט, באַוואַכט
אַ רואיקע היים און אַ קינד אין דער וויג,
דעם וואַרעמען גלאַנץ פֿון אַ מאַמעשן בליק...

אַ ציגל אין וואַנט וויל איך זיין, און נישט מער.
און אויב עס איז נאָכאַמאָל ווען מיר באַשערט
די ברוסט צו אַנטבלויזן אין וויכער פֿון שלאַכט,
זאָל איך — פֿון די ברודערשע אָרעמס באַוואַכט —
פֿאַרהאַלטן דעם שונא ביים היימישן ראַנד.
מיין אַקסל — אַ ציגל זאָל זיין אין דער וואַנט...

אַ ציגל אין וואַנט וויל איך זיין, און נישט מער.
אין זוניקן מאַרש זאָל מיין גאַנג נישט זיין שווער.
אין ברודער־געזאַנג זאָל אַ הילך־טאָן מיין ליד —
די לויטערע רו זאָל אַריין אין געמיט —
איך זאָל, ווי אין פֿרילינג די כוואַליעס צום ברעג —
אַ שוים טאָן מיט פֿרייד קעגן שטראַליקע טעג...

אַ ציגל אין וואַנט וויל איך זיין, און נישט מער.

וואַרשע האַרבסט 1948

# די מויערן פון גרויס

1.

ווער שטייט אין א זייט, ווען מיר בויען א היים?
יעדע האנט איז אונז טייערע מאל טייער.
ווער שטייט אין א זייט? העלפט א מיש טאן דאס ליים,
און געבענטשט זיין די מי זאל די פרייע!

א מויערער שטייגט מיט דער קעלניע אין האנט,
און זיין אקסל גליט אויף ווי אין פיבער,
א ציגל א נעם, און עס הייבט זיך א וואנט, —
און אט וואקסט זי זיין ארעם אריבער.

ווער שטייט אין א זייט, ווען עס הויבן זיך ווענט,
און מע הייבט שוין דעם דאך אן צו דעקן?
די מויערער אויבן — קוים, קוים מען דערקענט —
אין דער בלויקייט גינגאלדענע פלעקן.

דער בנין איז גרויס, אין דער רחבות צעהעלט,
און דער הימל איז דורכזיכטיק־לויטער.
ווער שטייט אין א זייט, ווען ביי היימישער שוועל
רוימט מען אפ שוין די שטויביקע צויטן...

2.

עס שטארן די פענצטער נאך אומעטיק־לער
און פארבעלעמט מיט קאלך זייגען שויבן.
נאר פלוצלינג, פונוואנען דא האט זיך דערהערט
ווי א וואָרקען א ליבלעכס פון טויבן —

א קינדעריש קולכל, וואס האט זיך צערעדט
און א מאמעס א שטים אזא צארטע...
עס האט זיך געדאכט אז א כישוף געשעט:
פון די פענצטער, די טירן פארשפארטע.

האָט פּלוצלינג געגעבן אַ ווייע מיט פרייד.
און פון אַלץ וואָס אַרום דאָ דערגעבן,
געטראָגן עס האָבן זיך מענטשלעכע רייד —
יעדעס ווינקל געשפּראָצט האָט מיט לעבן.

די טונקעלע שויבן צעהעלט האָט א שיין.
יעדע טיר טוט מיט ליבשאַפט פאַרבעטן:
„דער טיש איז געגרייט, איז געגריסט זאָלסטו זיין,
אויב דו וועסט אונזער שוועל איבערטרעטן".

3.

דער מויערער, וואָס מיט דער קעלניע אין האַנט,
אין די בלויקייטן איז שוין פאַרקראָכן...
און אפשר, א שטערן האָט ער איינגעשפּאַנט
אויף צו לייכטן פאַר אונז אין דער וואָכן?

א גילדענער שטערן באַלייכט אונזער וואָך.
און דעם מויערערס מי איז א וואונדער.
מיט מייליקע שטיוול עס שפּאַנט אונזער דור —
יעדער טראָט איז געכפּלט אויף הונדערט.

אין מזרח, ווו זון האָט איר נעסט אויף דער נאַכט,
דאָרטן זאַמלען זיך ימען מיט בליצן.
ביים ראַנד פון די חורבות ער שטייט אויף דער וואַך
און איז גרייט איצט זיין מי צו באַשיצן —

דער מויערער, וואָס מיט דער קעלניע אין האַנט
און מיט ביקס אינם שונא צו שיסן.
צו אים איז געווענדעט דאָס האַרץ פון מיין לאַנד
און דאָס ליד פון מיין האַרץ אים צו גריסן...

וואַרשע האַרבסט 1948

# אַ פענצטער צו דער וועלט...

א פענצטער צו דער וועלט ביסטו געווען אמאָל —
ווי שיין די וועלט האָט אויסגעזען דורך דיינע שויבן!
ווי זים געוועזן איז צו טראָגן מיר דיין עול,
ווי טיף אין הארץ איז מיר אריין דיין הייסער גלויבן.

מיין אלטע היים, וואָס דו ביסט אזוי קליין געווען —
א הייזעלע מיט גרויע אויסגעקרימטע ווענטלעך,
דורך דיין געפלאַצטן שייבל כ׳האָב די וועלט דערזען,
און כ׳האָב געצויגן זיך מיט מיינע שוואכע הענטלעך,

ווי פון א טאָל, ארויף צום שפּיץ פון הויכן באַרג,
ווו ס׳האָט אַ זון זיך אויסגעשפּרייט אויף אַלע זייטן.
און כ׳האָב געוואָלט זיין אַזוי מעכטיק גרויס און שטאַרק,
איך זאָל דאָס הייזל אויף אן אָדלער = נעסט פארבייטן.

א פענצטער צו דער וועלט ביסטו געווען, כ׳געדענק,
גאָר ס׳האָט די וועלט אריינגעכאפּט אין אירע ציינער.
און ס׳איז מיר אויף דער גרויסער ערד געוואָרן ענג —
אין שטיבעלע אין הילצערנעם נישטאָ שוין קיינער...

און ס׳איז דאָס שטיבעלע שוין אויך, שוין אויך נישטאָ.
מיין היימיש נעסעלע אויף אייביק איז פארשוונדן.
און אָט דער הארבסטיק = טונקעלער און טריבער שעה
עס וועקן אויף זיך אלע פריש = פארהיילטע וווּנדן.

— — — — — — — — — — — — — —

אַ היים מיין יידישע, צו דיר מיין בליק געווענדט:
איך זאָל דורך דיר דערזען דעם אלטן, גוטן הימל,
און ווי דורך יענע איינגעהויקערט-גרויע ווענט,
וואָס האָבן אויסגעזען מיר ווי אין סידורל אַ גימל;

איך זאָל ארויסגיין ווידער צו דער גרויסער וועלט
און וויסן: כ'האָב א היים ערגעץ נאָך זיך געלאָזן.
און פילן: ס'וואַרט אויף מיר דאָרט ווו אַ גוטע שוועל,
וואָס וועט אין אייגזאמקייט מיך קיינמאָל נישט פארלאָזן...

א פענצטער צו דער וועלט דו זאָלסט מיר אייביק זיין.
מיין הארץ עס זאָל צו דיר זיך שטענדיק ווידערקערן.
אין טאָג פון שווערן פרווו, אין נאַכט פון גרויסער פיין,
דו זאָלסט מיר זיין א היימיש־לייכטנדיקער שטערן...

וואַרשע הארבסט 1948

## אין סטעפּ...

אליין אין סטעפּ. איך גיי פאַרלוירן צווישן זאַנגען,
און איבער מיר דער הימל — אומבאַוועגלעך־בלאָ.
אַזוי פיל רואיקייט איז אין דער שטילקייט דאָ,
ווער וועט די שטילקייט פונעם סטעפּ דערלאַנגען?

ווער וועט דאָס כוואַליען פונעם סטעפּ פאַרהאַלטן?
אַ ווינטל טראָגט זיך דורך, צעפּאַטלט מיינע האָר.
און דאָרט ביים הימל־ראַנד הענגט דורכזיכטיק און קלאָר
אַ וואָלקנדל אַ ווייס מיט זילבער דורכגעשפּאָלטן.

נאָר שווער איז מיר אַזוי די שטילקייט פונעם סטעפּ.
ס'איז מיין געמיט מיט אומרו פול אַצינד.
מיר דאַכט זיך אַלץ, איך הער אַ קוילן-וואַרפער־שטעפּ
און דאָס געשריי פון אַ פאַרוואונדעט קינד.

און אין מערבדיקן ראַנד
איך זע: עס בלוטיקט איצט מיין פאָטערלאַנד...

נאָוואָזאָוענסק 1941.

# אַ נאַכט אַזאַ...

אַ נאַכט אַזאַ...

ווען ס'וויגט דער ווינט די צווייגן,
אַ פינצטערניש פאַרפלייצט אַ יעדן טראָט,
דו הערסט ווי ס'קלאַפּט דיין האַרץ און וויל נישט שווייגן
און נאָגט אַזוי, און נאָגט, און לאָזט נישט אָפּ.

אַ נאַכט אַזאַ...

דער וואַלד איז פול מיט פיבער.
אַ יעדער קוסט באַהאַלט עפּעס אין זיך.
און ס'דאַכט: עס שפּרינגט דאָרט ווער דעם וועג אַריבער
און ווערט פאַרשוואונדן ווי אַ פייל אויף גיך.

איז גוט אַזוי
אין אָט דער נאַכט צו וואַכן —
די האַנט זאָל פילן קאַלטן שטאָל פון ביקס —
זאָל עמעצער דערנענטערן זיך וואַגן —
אַ קלאַפּ אין שלאָס, אַ דריק דאָס צינגל — כ'שיס!...

נאָוואָסיבירסק 1942.

# איך געדענק

(פון די סיבירער סאָנעטן)

בעריאָזעס שלאַנקע דרעמלען אײַנעם שניי,
די ווײַסקייט בלענדט, ווי ווײַט דאָס אויג נאָר גרייכט.
דער הימל איז איצט לויטער דײַן און הויך.
ס'איז שטיל אַרום — די שטילקייט טוט אַזש וויי.

ס'איז פראָסטיק - בלוי דער טאָג הײַנט אין סיביר.
איך הער זיך צו צום סקריפּען פון די טריט.
מײַן טײַערסטע, כ'דערמאָן זיך איצט אין ליד,
וואָס כ'האָב געלאָזן בײַם געזעגנען דיך.

כ'געדענק, האָסט אָפּגעווישט פון אויג א טרער
און מיך אַרויסבאַגלייט אין דער אַרמיי.
איך האָב געוווּסט, עס איז דיר זייער שווער.
עס איז דײַן שמייכל פול געווען מיט וויי.

איך הער דײַן וואָרט דאָס לעצטע דורכן ווינט:
„אַז דו וועסט קומען, וועט שוין זײַן א קינד"..

נאָוואָסיבירסק, 1941.

# ד...

פאַרוויִעטע בעריאָזעס אינעם וואַלד
מיט צווייגן זילבערנע געפלאָכטן אין אַ נעץ.
מיר האָט געדאַכט — אין בלויקייט פראָסטיקער איך זע,
ווי ס'טראָגט זיך דורך דיין בויגיקע געשטאַלט.

אַזוי האָסטו אַדורכגעפלאַמערט דאָן
אין שטעטעלע ווייסרוסישן ביים טייך,
און זילבערנע בעריאָזעס אויפן שליאַך
באַגלייטן אומעטיק דיין קליינעם שפאַן.

נאָר איצט אויף יענעם שליאַך גייט אום דער טויט,
אין די בעריאָזעס זיינען לאַנג שוין אויסגעברענט.
עס איז די בלויקייט פונעם טייך געוואָרן רויט,
און דאָס שטעטעלע ווייסרוסישע — פאַרלענדט.

דער וועג, ווו דו האָסט דורכגעפלאַמערט דאָן,
מיט בענקשאַפט אין מיין האַרצן איז פאַרנאָן...

נאָוואָוזענסק, 1942

## ס'איז שוין פרילינג געווים...

פֿאַלט אַ גילדענער שטראַל אויפֿן שניי —
זוערט מיין בליק אין דער בלויקייט צערונגען.
כ'האָב אַ גרוס פֿון מיין היים היינט פֿאַרנומען
פֿון דעם ווינטל, וואָס האָט דאָ געווייט...

ס'איז שוין פרילינג געווים אין מיין היים —
ס'האָט די ערד פֿון איר שלאָף שוין דערוואַכט.
נאָר פֿאַרוואָס וועקט מיך אויף מיטן נאַכט
אזא טרויעריק־עלנט געוויין?

אַ געוויין פֿון פֿאַרוואָגלטע ברידער,
וועלכע האָבן געפֿונען גאָר אַש
און אַ ביינטל פֿאַרשרפֿהטע גלידער
אויפֿן אָרט פֿון דער היימישער גאַס...

ס'איז שוין פרילינג געווים אין מיין היים,
נאָר די ערד דאָרט פֿאַרגייט אין געוויין...

נאָוואָזוענסק 1942.

## דרײַ בעריאָזעס...

עס שטייען דרײַ בעריאָזעס אויפֿן שליאַך
און וויגן זיך און רוישן אינעם ווינט,
און אויפֿן שנײַ — אַ גופֿל פֿון אַ קינד
מיט אייגלעך, ברייט צום הימל אויפֿגעמאַכט.

דער הימל איז איצט וואָלקנדיק און גראָ.
עס יאָגט דער ווינט די כמאַרעס שנעל פֿאַרבײַ.
און אויפֿן שנײַ ליגט די בעריאָזעס דרײַ —
דאָס קינד, מיט אייגלעך — שפּיגלעך הימל־בלאָ...

און אויף אַ צווײַג עס זיצט אַ שוואַרצע קראָ
און הוידעט זיך אַרויף, אַראָפּ אין ווינט.
עס איז דער שליאַך צעטרעטן, קויטיק־גראָ —
אַ דײַטשיש פֿולק איז דאָ אַדורך געשווינד,

דאָס גופֿל פֿונעם קינד איז שוין פֿאַרקילט —
**די שוואַרצע קראָ נאָר חיל גישט ווערן שטיל:**
קראַ!.. קראַ!...

נאָוואָסיבירסק, 1942.

# צום רויט־ארמייער

אײַלע ליוליע ליו.
וויג עס, וויג עס צו.
ס'איז א דייטש ביינאכט געקומען
און זיין טאטן צוגענומען —
הענגט דער טאטע אויף א בוים
און ער וויגט און וויגט זיך קוים.

אײַלע ליוליע ליו,
וויג עס, וויג עס צו.
ס'איז זיין מאמע אויסגעגאנגען
אונטער שיקערע געזאנגען
נאקעט, הויל אין פראסט און שניי,
נאר באגלייט פון קינדס געשריי.

אײַלע ליוליע ליו,
וויג עס, וויג עס צו.
און זיין שוועסטערל דאס קליינע
האט שוין אויפגעהערט צו וויינען,
ליגט דאס שוועסטערל ביים וויג
מיט א שטאר פארגלאזטן בליק.

אײַלע ליוליע ליו,
וויג עס, וויג עס צו.
הערט דאס קינד נישט אויף צו וויינען,
גיב א לאך און זאל עס מיינען:
ס'איז דער טאטע צוריקגעקומען —
פונעם בוים אראפגענומען.

אײלע ליוליע ליו,
װיג עס, װיג עס צו.
װײל דאָס קינד נישט װערן שטילער —
טו א לאַך, און זאָל עס פילן:
װידער װאַכט די גוטע מאַמע,
פון דער טויט־גרוב אויפגעשטאַנען.

אײלע ליוליע ליו,
װיג עס, װיג עס צו,
ס'װעט דאָס קינד דאָך װאַקסן, װאַקסן,
און אויף זײנע פעסטע אַקסלען
װעלן פינקלען גאָלדיק שטערן,
װען ער װעט אַ שלאַכטמאַן װערן.

אײלע ליוליע ליו,
װיג עס, װיג עס צו.
אפשר װעט ער דיך דערמאָנען,
אפשר לויטן בליק דערקאָנען,
אַט די ערשטע רעטונגס־נאַכט,
װען דו האָסט צו אים געלאַכט.
אײלע ליוליע ליו,
װיג עס, װיג עס צו.

# זײ אים מוחל...

עס קען זײן, ס'וועט מײן ברודער ארויסגײן אנטקעגן —
זײ אים מוחל די טרערן: ער װײנט עס פאר פרײד.
מיט די ליפּן פון הונגער פארבלויט וועט ער פרעגן,
צי דו האָסט גישט צוּמאָל כאָטש אַ שטיקעלע ברויט...

ער וועט כאפּן דאָס ברויט און מיט גיריקייט שלינגען —
זײ אים מוחל פון הונגער דעם גלאנץ אין זײן בליק.
און דערנאָך וועט מײן ברודער פון פרײד זיך צעזינגען
און דיך קושן און האלדזן, און גלעטן דײן ביקס...

און דערנאָך וועט מײן ברודער דיר נאָכגײן אויף גאסן
פון דער אלטער פארשרפהטער חרובער הײם —
זײ אים מוחל די טריט זײנע קינדעריש שוואַכע
און דאָס הארץ וואָס פארגײט אין אַ שטילן געוויין...

## אומזיסט...

דו וועסט ברענגען א גרוס, אזא טרייסטנדיק וואָרט פון מיין
ברודער — —
ער וועט שטיין ביי א ראָג, מיטן בליק אין דער ווייטקייט פארקוקט.
מיטאַמאָל וועט זיין קנאָכיקער גוף, ווי פון שרעק, טון אַ שוידער,
און זיין פנים דאָס בלייכע וועט ווייטאָגדיק געבן א צוק.

ס׳וועט דיין זעלנערשע האנט דאן אַ נעם טאָן מיין ברודער
ביים אָרעם,
מיט צעעפנטן בליק ער וועט קוקן פארוואונדערט אויף דיר.
און א ווייל וועט ער שטיין אַ צעטומלטער, שטום און פארלאָרן,
און דערנאָך מיטאמאָל פונעם אָרט זיך דאַן געבן א ריס —

און דערנאָך, און דערנאָך וועט דער טראָט פון מיין
ברודער דיך פירן
צו א געסל א שמאָלס, צו א הילצערן הייזל אַ קליינס —
ס׳וועט דער זון־אונטערגאנג אין צעבראָכענער שויב שעמערירן,
און מיט ליידיקייט וועט פונעם פענצטער דיר געבן א וויי.

וועסט אריבער די שוועל און אריין אינעם ליידיקן שטיבל —
ס׳וועלן שפליטער פון גלאָז דיר א קריץ טאָן פון אונטער די פיס.
און דער טרויער וואָס גליווערט אין לאנג שוין פאריתומטן ווינקל
וועט אַ נאָג טאָן דיין הארץ: ס׳איז דאָס טרייסטן, דאָס טרייסטן
אומזיסט...

# די טרעפערין...

טרעפערין, טרעפערין, אלטע קאזאטשקע,
זאג מיר דעם טרויער, וואס כ'טראג אין מיין הארץ,
טרעף אווו איז ער דארט איצטער מיין וואסיע —
און אים איז דאס לעבן מיר נמאס און שווארץ.

און די קאזאטשקע, און ליכט אין די אויגן,
זיצט אזוי שטיל מיט די פיס אונטער זיך:
— ווייט איז דיין אדלערל, ווייט איז פארפלויגן,
קומען אהיים וועט ער נישט אזוי גיך:

— זאג מיר מיין ליבינקע, אלטע קאזאטשקע:
בענקט ער נאך מיר דארט, ווי איך בענק נאך אים?
— טרערעלעך דארטן פארגיסט ער דיין וואסיע —
טרערעלעך — טויעלעך זומער באגין.

און אויף א פליושענעם טעפיך א גרינעם
ווארפט די קאזאטשקע די בעבעלעך אוים:
— העלפט מיר מיין טאכטערשעס גורל געפינען —
בעבעלעך, שרעטעלעך העלפט מיר ארוים.

— זעסט ווי די ראבינקע בעבעלעך פאלן —
דריי אין דער מיט און דאס פערטע ביים זייט —
ליבינקע מיינע, דו זיי נישט געפאלן,
אלץ וועט פארהיילן די גוטינקע צייט...

# ח ו ר ב ו ת

## נאָר נישט קומען צו שפעט...

נאָך אַ טאָג, נאָך אַ טאָג, נאָר כ'וועל קומען...
איך וועל קומען צו דיר מיט מיין ליד.
דו וועסט וואַרטן ביים טויער אַ שטומער
און באַגעגנען שטיל מיינע טריט.

נאָר דיין בליק דער פאַרלאָשענער, אַלטער
און דער שטערן מיט קנייטשן פאַרזייט
אויף אַ וויילע מיין טראָט וועט פאַרהאַלטן,
וועט דערציילן וועגן אומקום און טויט.

וועט דערציילן פון אייגענעם טרויער
און פון ברידער אין געטאָ דעם פיין —
דורך צעריגלטן אייזערנעם טויער
כ'וועל צו דיר אין דעם געטאָ אריין.

און כ'וועל נאָכגיין די טריט דיינע שוואַכע
מיט אַ האַרץ, וואָס פאַרגייט אין געוויין.
און אַ פחד נאָך מיר וועט זיך שלייכן,
אַז צו שפעט כ'בין געקומען צו גיין;

אַז אין מיר, וואָס כ'וועל געבן אַן עפן,
אַז אין שטוב, וווּ [illegible] שטיין —
כ'וועל שוין קיינעם נישט, קיינעם נישט טרעפן,
נאָר מיין אייגענעם טרויער אַליין;

אַז די גאַס, וואָס מיין פוס פלעגט באַטרעטן,
ווי מיין קינדהייט איז רויק פאַרגאַן —
קען דעם שוידער פון בלוט נישט פאַרגעסן —
(און ס'וועט גליען ווי פייער מיין שאַנד);

אַז צו שפעט, אַז צו שפעט כ'בין געקומען;
אַז צו לאַנג האָבן ברידער געוואַרט;
אַז אין בליק דיינעם אומעטיק־שטומען
מיר אַ ביטערער פאָרוואורף דערוואַרט.

# ווי די שפּאַרבערס...

ווי די שפּאַרבערס זיינען זיי דאָן אַנגעפלויגן אויף די נעסטן,
אויף די נעסטן.
האָבן מיר זיי, אוי, פאַרטריבן נישט געקענט.
ביז די קלענסטע צוגערויבט און ביז די לעצטע,
ביז די לעצטע
און די היימען אונדזערע פאַרלענדט.

איז פון נעסטן אונדזערע קיין שפּור דאָך נישט פאַרבליבן,
נישט פאַרבליבן,
ס'האָט דער ווינט דאָס לעצטע ביסל שטרוי צעווייט.
זיינען מיר, די ווינציקע, אין ווייטן וו פאַרטריבן,
וו פאַרטריבן —
אין די הערצער אונדזערע אַ בענקשאַפט ווייט.

טראָג אונז, בענקשאַפט, דאָרט אַוועק אויף דיינע פליגלען,
דיינע פליגלען
איבער באַרג און איבער טאָל צו אַלטער היים —
זאָלן מיר פון אונזער נעסט אַ שטרוי געפינען,
אַ שטרוי געפינען —
כאָטש אַ בריקעלע פון אַלטער גרויער ליים.

וועלן מיר פון שטרוי און ליים, אוי, ווידער בויען,
ווידער בויען —
אויסבעטן אויף ס'ניי מיר וועלן אונזער נעסט.
און די טרערן אונזערע, ווי פרילינגס-טויען,
פרילינגס-טויען
אפשר וועלן זיין פאַר אונז אַ טרייסט צולעצט...

אַלמאַ-אַטאַ 1943.

## מיין מאַמע...

כ'האָב אַמאָל געהאַט אַ מאַמע —
האָבן אויפגעגעסן זי די פלאַמען.

איז מיין מאַמעס שטילער ליִצטער הויך
אויסגעגאַנגען מיטן גרויען רויך.

אַז געבליבן איז פון איר בלויז אַש
ערגעץ אויף אַ קאַלטער וויסטער גאַס.

ס'האָט דאָס אַש צעטראָגן שוין דער ווינט —
וווּ זאָל איך געפינען עס אַצינד?

כאָטש אַ מינדסטן אָנדייט אויף דעם גרויל,
ווען עס האָט דאָס פייער זי פאַרקוילט.

מאַמע מיינע, וווּ, אויף וועלכער ערד
כאָטש אַ שטויב פון דיר צו רוען איז באַשערט?

מאַמע מיינע, וווּ, אויף וועלכן פליין
זאָל איך לויפן זוכן דיין געביין?

איך — דיין טרוים, וואָס איז נאָך דאָ געבליבן,
איך — דיין גליק אין וואָגלעניש פאַרטריבן.

* * *

כ'האָב אַמאָל געהאַט אַ מאַמען —
האָבן אויפגעגעסן זי די פלאַמען..

וואָלט אַ שפור געבליבן פון געביין!
נאָר דער שפור בין איך, בלויז איך אַליין.

דאָס געדעכעניש דער מאַמעס —
איז אין מיר בלויז איצט פאַראַנען.

מאַמע! איך דער שפור פון דיין געביין,
קדיש זאָג איצט איבער זיך אַליין...

ביים

# ~~מיין~~ שוועלבעלע וועל איך זיך פרעגן

ביים שוועלבעלע וועל איך זיך פרעגן,
וואָס קומט אָן אויף פרילינג פון ווייט
און גלייך פאר די קינדערלעכס וועגן
דאָס אלטינקע נעסטל באנייט:

אוי, זאָג מיר, מיין שוועלבעלע לעבן,
ווו האָסטו געפונען דיין נעסט,
ווען דו ביסט געקומען צו שוועבן
נאָך שנייען און גליאיקע פרעסט?

אוי, זאָג זשע מיר, שוועלבעלע ליבעם,
ווו האָסטו געפונען דיין היים?
ווייל איך האָב געפונען נאָר גריבער
און בערגלעך פון ציגל און ליים.

איך האָב נישט ביי קיינעם צו פרעגן —
אוי, וואָס פאר א בערגל איז מיין?
איך בלאָנדזשע ארום אויף די וועגן
אין קלעם פון מיין אייגענער פיין,

באגלייט פון מיין אייגענעם שאָטן,
וואָס זוכט דאָ צוזאמען מיט מיר
דאָס אָרט ווו מיין היים איז פארשאָטן —
א שפור צו מיין אייגענער טיר.

טאָ, זאָג זשע מיר, שוועלבעלע ליבעם,
ווו האָסטו געפונען דיין היים?
אז איך האָב געפונען נאָר גריבער
און בערגלעך פון ציגל און ליים...

# מיין ירושה...

אַ וואַנט איז געבליבן, אַן איינציקע וואַנט,
און ציגל אַרום, און צעשאָטענער זאַמד.

אַ פענצטער געבליבן עס איז אין דער וואַנט —
אַן אויג אויסגעשטאָכן פון רוצחישער האַנט.

און ס'בליקט אַט דאָס פענצטער אַרויס צו דער וועלט,
און ס'וויט פון זיין הוילקייט אַרויס אַזאַ קעלט,

ווי ס'וואָלט גאָר דאָ קיינמאָל קיין היים נישט געווען,
ס'וואָלט קיינמאָל דאָס פענצטער קיין זון נישט געזען,

ווי ס'וואָלט דורך זיין אומעטיק־ליידיקער ברייט
זיך קיינמאָל געהערט גאָר קיין מענטשלעכע רייד,

און קיינמאָל קיין קינד זיך ביים פענצטער געשפּילט,
דעם קינדערשן נייגיר דורך שויב נישט געשטילט.

נאָר אייביק, נאָר אייביק — אַן אָפענע ווונד
פון וואַנט קוקט אַרויס אַט דאָס פענצטער פאַרשטומט.

פון וואַנט, וואָס געבליבן אַן איינציקע שטיין —
אַ! אַנדענק מיין אַלטער, מיין ייִדישער היים.

אַן אַנדענק מיין קינדהייט געבליבן איז זי —
מיין מאַמנס פאַרעקשנטע ערלעכע מי,

מיין מאַמעס באַהאַלטענע לויטערע טרער —
איר אומעטיק געזאַנג, וואָס אין וויג כ'האָב געהערט.

איז ווו זאָל איך הינטאָן דאָ איצט מיין געביין,
אַז כ'בין מיט מיין בענקשאַפט געבליבן אַליין?

אַז כ'בין מיט מיין טרויער געבליבן אין האַרץ,
און ס'גרוילט פון מיין פענצטער די נאַכט אַזוי שוואַרץ.

אַז ס'איז מיר ירושה געבליבן נישט מער,
ווי בענקשאַפט אין האַרץ און אַ זודיקע טרער.

לאָדזש, יוני 1946.

# דאָס ליד פון דעם קופּערנעם גראָשן!

בלויז ציגל צעקרישלט, בלויז שטויב און בלויז זאמד;
ווי ווייט נאָר דאָס אויג קען דערגרייכן.
קיין גאַס נישט געבליבן, קיין הויז נישט, קיין וואנט —
פון היים נישט אַפילו קיין צייכן.

איך ווייס נישט אליין, וווּ צו זוכן איך האָב
דאָס אָרט וווּ מיין היים איז געשטאַנען.
פון פרי ביז ביינאַכט, נאָר איך נישטער און גראָב —
קיין שפּור איז דאָ אַלץ נישט פאַראַנען.

מאָ וווּ זאָל איך זוכן, אין וועלכן דען באַרג
פון שטיינער, פון זאמד און פון ציגל?
דער שטויב פרעסט אריין זיך אין האַלדז, און מיך ווארגט,
נאָר איך זוך דעם שפּור פון מיין וויגל.

מיר דאַכט, אַט דער גרויער פירקאַנטיקער שטיין
ביי אונדז אויפן הויף איז געלעגן;
דאָרט פלעגן זיך שפּילן אָפט קומען צו גיין
די קינדער פון הויף וואָס אַנטקעגן.

מיר דאַכט... נאָר אַ וואָרעם פרעסט איין זיך אין האַרץ:
אומזיסט, דו וועסט גאָרנישט געפינען,
ס'איז אַלץ דאָ צעקרישלט, פאַרשרפּהט און שוואַרץ
און ס'האָט נישט דיין זוכן קיין זינען. — —

נאָר פּלוצלינג, ווען כ'האָב זיך דערגראָבן צום גרונט,
די שוואַרצע די ערד שוין געפונען,
אין אויג האָט מיר עפּעס אַ בלינצל געטאָן —
אַ קופּערנעם גראָשן געפונען.

אַ קופּערנער גראָשן פאַרוואַלגערט אין ברוך,
פאַרשטויבט צווישן ציגל און שטיינער —
נאָר זע, ווי אַ זאָג טאָן וואָלט עמעץ אַ שפּרוך —
מיר דאַכט, אַז ער הייבט אָן צו וויינען.

געגוג נעם אריין מיר צו זיך אין דער טאש.
וואס איז דיר נאך מערער פארבליבן?
דער ווינט האט צעטראגן דאס לעצט ביסל אש,
וואס איז פון דיין היים נאך פארבליבן. —

עס ציטערט דער גראשן ביי מיר אין דער האנט.
און פלוצלינג — כ׳דערזע ווי אין שפיגל:
א הילצערן הייזל, א טיש ביי א וואנט,
אין ווינקל לעם פענצטער א וויגל.

מיין רבי ר׳ שמעון מיט גרוילעכער בארד
און בלויע צעשמייכלטע אויגן,
ער ווייזט מיטן פינגער אין חומש א ווארט
און שאקלט זיך צו איינגעבויגן.

עס פירן די ווערטער דעם רבינס אוועק
צו אלטע פארשוונדענע צייטן;
די בלעטלעך פון חומש — ווי זוניקע טעג,
וואס טוען זיך וואונדערלעך בייטן.

דער רבי ר׳ שמעון א ניגון זינגט צו —
מיר דאכט יעדעס ווארט איז א פויגל..
און ס׳פליען די פויגלען אוועק ערגעץ ווו
און פינטלען פארביי מיינע אויגן.

איך שטייג אויף א לייטער א טריט נאך א טריט —
דעם לייטער פון יעקב אבינו...
נאר פלוצלינג גיט עפעס א פאל פון סופיט —
א קופערנעם גראשן געפין איך...

א מלאך געווארפן האט אים אויפן טיש —
עס שמייכלט דער רבי אנטקעגן.
פון חדר אהיים כ׳בין געלאפן פארשוויצט;
די מאמע זי דארף שוין נישט פרעגן.

די מאמע, די גוטע, געוווסט האט שוין אלץ,
ווי זי וואלט דערביי דארט געזעסן.
איך האב זיך געווארפן צו איר אויפן האלדז —
פון פרייד שיר דאס לשון פארגעסן.

דער טאטע האָט אויך שוין געוואַרט ביי דער טיר —
א גלעט און א קוש מיר אין קעפּל —
און האָט א צעשטראַלטער א גיב געטאָן מיר
א גרויסן, א ראָזיקן עפּל.

נישטאָ שוין מיין היים, און מיין רבי נישטאָ —
אַוועק איז דאָס אַלץ און פאַרשוווּנדן.
איך יאָג זיך אומזיסט אין דער וויסטעניש דאָ —
ס׳איז אַלץ אינעם בראַנד אומגעקומען.

און ס׳וויינט איצט דער גראָשן אַזוי אין מיין האַנט
און ציטערט, ווייל רויק נישט בלייבן,
עס איז אַזאַ אומרו אין קופּער פאַראַן!
ווי ס׳וואָלט אים א שרעק ערגעץ טרייבן.

איך זע מיטאַמאָל, ווי דער גראָשן צעגליט —
א בלוט־טראָפּן זע איך א רויטן.
דער טראָפּן צעפּלייצט, און איך זע אין דער מיט
מיין טאַטן דאָרט ליגן א טויטן.

מיין מאַמען איך זע דאָרטן אויך לעבן אים,
פון גרויזאַמען שונא פאַרשניטן.
מיין רבין ר׳ שמעון לעם זיי איך געפין —
אויך אים האָט דער טויט נישט געמיטן.

בלויז איך בין געבליבן, געבליבן אַליין —
פון בלוט נאָר געבליבן א טראָפּן,
דער טראָפּן — א קופּערנער גראָשן, וואָס וויינט
פון אַש פון מיין היים אויסגעגראָבן...

לאָדזש 1946.

## ווי לאַנג נאָך...

האָט אַ פרילינג געגרינט איבער פעלדער,
טייפט אַ זומער מיט גאָלדיקן ברויט;
נישט קיין זאַנגען — נאָר יידישע העלדזער
האָבן שניטערס פאַרשניטן צום טויט.

נישט קיין שפּיץ מיר זאַמלען אין שייערס,
נישט אין קעלערס קיין שוימיקן וויין,
נאָר אויף יידישע גאַסן — לוויות
און אין הערצער צעיאָמערטער פּיין.

מיינע ברידער, די הייליקע קדושים,
פון דער שנאה דער בלינדער פאַרשטיינט. —
פון מאַידאַנעק דעם וועג, פון אָשוויענטשים
נאָך ווי לאַנג איז באַשערט אונדז צו גיין?..

נאָך די קדושים פון קעלץ — 1946.

# לידער פון סאַנאַטאָריום

## עס שנייט און עס שנייט...

די שטילקייט פון שניי — ווייסע טויבן —
געבראַכט האָב איך היינט צו דיין בעט,
נאָר דו האָסט דעם בליק אויפגעהויבן
און איך האָב דערזען, ס'איז צו שפּעט.

כ'האָב איבער דיין חלום דעם ווייסן
די שטילקייט, אַ טושטער, פאַרשפּרייט;
האָס קען איך דען מערער באַווייזן?
אין דרויסן עס שנייט אלץ און שנייט.

און איך האָב געשעפּטשעט אַ תפילה:
אויב דו האָסט די שטילקייט באַנערט,
פאַרבלייב דאָ, פאַרבלייב דאָ אַ שטילע,
מיין חלום צו דיר דאָך געהערט...

אָטוואָצק, נאָוועמבער 1946.

# שמילקײט...

וואָס איז זי, די שטילקײט, איצט לעבן דײַן בעט?
דער חלום פון הארבסט, וואָס פאַרגעלבט אַזוי שפּעט.

בין איך אין דײַן חלום אַרײַן, ווי אַ ווינט,
און ס'האָט זיך די שטילקײט צעוויינט ווי אַ קינד.

און ס'האָבן די פינגער די בלײכע דערציילט,
אַז נאָך איז די וווּנד פון דײַן טרוים נישט פאַרהיילט.

אַז ס'ריזלט נאָך אַלץ אום דער ווײ אין דײַן בליק —
און איך האָב דערפילט, ווי די שטילקייט מיך שטיקט —

די שטילקײט וואָס האָט זיך צעשפּרייט ביי דײַן בעט—
דער חלום פון הארבסט, וואָס פאַרגעלבט אַזוי שפּעט.

איז בין איך געפאַלן לעם בעט אויף די קני
און האָב זיך געבעטן: פאַרוואָס אַזוי פרי?

די געלבקײט פון הארבסט וועט פאַרגיין דאָך אין ווײס?
אַ, שטילקײט, אַ וווּנדער, אַ ווונדער באַווײַז,

אַז ס'זאָל דורך דער בלײכקײט פון בײַניקע הענט,
אַ שײַן טאָן דער חלום, וואָס איך האָב דערקענט.

דער חלום, וואָס טראָגן איך וועל שוין אין מיר
און וועל אים דערטראָגן צו הײמישער טיר...

אָטוואָצק, נאָוועמבער 1946.

# דער וועג צום פּאָנאַר...

יענעם וועג צום פּאָנאַר
איך גיי דורך אין דיין בליק —
אין דיין בליק, וואָס בלייבט שטאַר
ביי מיין קומען צוריק.

כ'גיי אַדורך יענעם וועג.
און כּסדר מיר דאַכט:
אויף דעם בלוטיקן שטעג
אַ געוויין נאָך מיר שלייכט —

דאָס געוויין פון דיין לייב
וואָס זיך לעשט און גייט אויס...
און איך בעט זיך: פאַרבלייב
כאָטש אַ שאָטן אין הויז,

פון דיין שטים — כאָטש אַ קלאַנג
זאָל פאַרוועבן מיין ליד.
אין מיין אייגענעם גאַנג
זאָלן אויך דיינע טריט

אַ דערמאָנונג מיר זיין
פון דיין גרויליקן וועג.
אָ, גרויס איז מיין פּיין,
און ווי גרויס ס'איז מיין שרעק.

כ'בין געבליבן אַליין
ביי דיין גוססן לייב.
אין מיין האַרץ דאָס געוויין
קלאָגט נאָר אַלץ: אָ, פאַרבלייב!

יענעם וועג פון פּאָנאַר
כ'וועל אים אייביק שוין גיין
אין דיין בליק וואָס פאַרשטאַרט,
און צום סוף נישט דערגיין...

אָטוואָצק, יאַנואַר 1947.

# לידער פון סאַנאַטאָריום

א.

אויף איר געזיכט — די בלייכקייט פון פרימאָרגן.
זי האָט אַדורכגעשוועבט ווי אומבאַמערקט,
נאָר כ'האָב דאָס קלאַפּן פון איר האַרץ דערהערט
און אין איר בליק דערפילט אַ גרויל פאַרבאָרגן.

זי האָט געשוויגט, איך בין איר נאָכגעגאַנגען,
אין יעדן שפּאַן אירן דערקענט די שרעק
פון ערד פון אויפגעריסענער ביים וועג —
פון טויט, וואָס אויף די צווייגן איז געהאַנגען.

און ווען עס האָט מיין בליק באַגעגנט זיך מיט אירן,
איז דרעמלט שטיל געווען אין וואַלד אַרום
צעווישן סאָסנעס, דרעמלענדיקע שטום.
אַז ס'האָט געשראָקן מיר די שטילקייט אָנצורירן.

מיר האָט געדאַכט, ווי זי וואָלט בעטן מיר:
— כ'בין מיד אַזוי, און שווער איז מיר מיט דיר...

ב.

ס'איז שטיל דאָ ביי דער אָזערע געווען.
געוויגט האָט זיך איר בלוילעך־גרינע ברייט,
עס האָט פון איר מיט רואיקייט געוויינט,
און שווייגנדיקע זיינען מיר געזעסן,

און אין שקיעה־שיין פאַרקוקט מיט אונדזער בליק,
עס האָט אַזוי געגאָגט דאָן איינעם האַרצן —
איך האָב דערזען אין בליק אירן דעם שוואַרצן,
דעם אַלטן צער זיך אויפוועקן צוריק.

זי האָט געזאָגט: ס'איז אויך אַזוי געווען
ביים ווייסל־ברעג אין טונקעלן פאַרנאַכט —
דאָס ווייסל שטיל ווי אומעטיק פאַרטראַכט.

מיר זיינען דאָרטן אויך אַזוי געזעסן
און שווייגנדיק באַגלייט דעם זון־פאַרגאַנג,
און ס'איז געווען ווי איצט אונז אַזוי באַנג...

ג.

גישט דאָס האָב איך געוואָלט דיר זאָגן.
ארום געוועזן איז שוין הארבסט —
כ'איז טרויעריק, ווען זומער שטאַרבט,
און ווינט פון צפון קומט צו יאָגן...

גישט דאָס האָסטו געוואָלט דערהערן —
און אין א סאָסנע אָנגעלענט,
מיט בלייכע ציטערדיקע הענט
האָסט אָפּגעווישט פון אויג די טרערן —

אז ס'האָט מיין הארץ — א וויעוויורקע אין וואלד —
דערשראָקן דאן געטאָן א פאל —
ווי אין דער ברוסט עס וואָלט זיך אָפּגעריסן.

נאָר ס'איז דאָס וואָרט אראָפּ פון ליפּ —
איך בין געשטאנען שטיל, פארטריבט,
און ביז צו בלוט די ליפּ זיך איינגעביסן...

ד.

ס'האָט עמעצער א נאָמען אויפגעשריבן.
עס זיינען יאָרן שוין אַוועק א סך
מיט ברייטן שטורעמדיקן שליאך,
נאָר ס'איז דער נאָמען אלץ אזוי פארבליבן.

איך האָב זיך צו דער באנק אראָפּגעבויגן,
ווו ס'איז דאָס וואָרט „נאדיאָזשדא" אויסגעקריצט.
„נאדיאָזשדא" — האָפענונג, וו ביסטו איצט?
אין וואָסער זייט האָסטו אוועקגעצויגן?

צי האָט די האנט, וואָס האָט דיין נאָמען אויפגעשריבן
מיט ליעצטן טראָפּן בלוט פון קראנקן הארץ —
אין יענעם קאלטן בענקענדיקן הארבסט,

זיך אויסגעלאָשן, ווי א פלאם פון ווינט געטריבן?
און נאָר ס'גערויש פון סאָסנעס ביי דער באנק
דערמאָנט אזוי דיין אײנזאמען, דיין באַנגדיקן קלאנג...

## ה.

אויפֿן שפּיץ פֿון באַרג האָב איך אַרויפֿגעקלעטערט —
סאַראַ בלויקייט, סאַראַ ווייסקייט, סאַראַ ליכט!
שפּילט אַ ווינטל אויף מײַן בייניקן געזיכט,
און די ברוסט מײַנע, די קראַנקע, עטעמט, עטעמט.

אויפֿן שפּיץ פֿון באַרג האָב איך די רו געפֿונען,
און דאָרט אונטן צווישן סאָסנעס אינעם טאָל
פּלוצעם האָט אַ הילך געטאָן אַ ווידערקול
און זיך ווידער אין דער שטילקייט באַלד פֿאַרשפּונען.

לאַנג בין איך אויף אָט דעם שפּיץ פֿון באַרג געזעסן
אין דעם ווי דעם אייגענעם פֿאַרגעסן.
ס'האָט די שטילקייט מיך צום דרעמל אײַנגעווויגט.

נאָר פֿאַרנאַכט ווען אויף דער מערבֿ־זײַט אין פֿלאַמען
איז אין טאָל די זון אַ בלוטיקע פֿאַרגאַנגען —
האָט מײַן אָלטער ווי מיך ווידער אויפֿגעוועקט...

## ו.

און ווידער האָט זיך עמעצער געזעגנט:
צום לעצטן מאָל אַ שטילער האַנט־באַריר,
צום לעצטן מאָל אַ שמייכעלע פֿאַרלעגן,
צום לעצטן מאָל שטיל צוגעמאַכט די טיר.

און אַלץ איז ווי געוועזן דאָ פֿאַרבליבן —
דאָס טישל, וואָס בײַם פֿענצטער שטייט,
און די וואַזאָנע מיטן רויטן קווייט,
און אויך דאָס בעטל גלאַטיק־צוגעקליבן.

נאָר אין פֿאַרנאַכט, ווען ס'נעמט דער טאָג זיך לעשן,
יעס דאַכט זיך מיר, דער עמעץ האָט פֿאַרגעסן
אַ בליק, אַ קלאַנג, אַ וואָרט אַ נישט דערזאָגטעס.

און אויך די העלקייט פֿונעם ווײַסן צימער
איז אומעטיק אַזוי און שטיל באַקימערט,
ווי נאָכן עמעצן וואָלט זי געקלאָגט...

## רואיק איז די אָזערע...

רואיק איז די אָזערע געלעגן,
אויסגעגאָסן זילבערדיק און גלאַט.
און ביים בערג דעם שטיינערנעם אַנטקעגן
שקיעה האָט זיך, בלוטנדיק, צעפלאַמט.

ווי עס וואָלט אַ שׂרפה אויסגעבראָכן
אין דער הויך, אין וועלדל וואָס ביים ראַנד
און פון דאָרט צום בערג אַראָפּגעקראָכן —
כ'האָט געדאַכט די אָזערע צעפלאַמט...

ס'ווערט דער בערג אַלץ טונקעלער און טריבער.
דאָרטן וווּ די שקיעה האָט געברענט,
איז אַ שוואַרצקייט בלויז פאַרבליבן,
ווי אַ שפּין וואָלט דעם בערג פאַרלענדט...

## עס ברענען די בערג...

עס ברענען די בערג...
און נישט נאָר די בערג, אויך דער הימל!
אַ פויגל־געשריי טראָגט זיך דורך איבער סעדער,
עס זיפצן די בלעטער,
און ס'גיבן אַ ציטער די ביימער,
אַ זשוקל אַ שוואַרצם זיך צעיאָמערם פאַר שרעק
אין אַ גראָזן־געווימל...
עס ברענען די בערג,
און נישט נאָר די בערג, אויך דער הימל!

אַלמאַ־אַטאַ 1943.

# רוען וויל איך...

סאָסנעס יונגע, הארבסטיק־פרישע קילקייט,
ווילד־פאַרוואַקסענער, פאַרדרייטער שטעג.
רוען וויל איך, רוען אין דער שטילקייט.
מיד בין איך געוואָרן שוין פון וועג.

רוען וויל איך צווישן סאָסנעס, רוען —
מידער קאָפּ אויף סאַמעט ־ ווייכן מאָך.
כ'האָב, מיין הארץ, געגעבן דיר אַ שבועה,
אויסצוטאָן זיך היינט פון יעדן יאָך,

אויסצוטאָן זיך היינט, און אַלץ פאַרגעסן,
זיך פאַרלירן אין דעם טונקלען וואלד.
אך, ווי ס'האָט די וועלט מיר שוין דערעסן!
ווי דערווידער ס'איז מיר מיין געשטאַלט!

איך בין מיד און ס'ברענען מיינע גלידער —
ס'וויל פון ברוסט אַרויסשפּרינגען דאָס הארץ...
וועל איך, רו, דיך אָפּגעפינען ווידער
אין די לעצטע שטראַלן פונעם הארבסט?

אין געדיכטן פלאַנטער פון די צווייגן
וועל איך זיך פארגעסן ווי אַמאָל,
ליגנדיק אזוי פארטיפט אין שווייגן.
אך, ווי שווער עס איז מיר אזא עול —

שנאה אין דער ברוסט אַרומצוטראָגן,
און נקמה אייביק אין געמיט,
און אַ הארץ, וואָס האלט זיך אין איין יאָגן
נאָך אַ שפּור פון אַ פארשניטן ליד...

# וויג מיך לאָדקע...

וויג מיך, לאָדקע, וויג מיך איין צום דרימל —
וואַסער־שפּיגל, בלויקייט פונעם הימל,
שטילקייט אויסגעשפּרייט פון ברעג צו ברעג —
פיר מיך, לאָדקע, פון מיין פיין אַוועק.

ס׳וויל מיין האַרץ נאָך אַלץ נישט, אַלץ נישט שטומען —
בענקט אַזוי נאָך פרילינג און נאָך בלומען.
וויג מיך, לאָדקע, וויג מיך איין צום דרימל,
גרויע וואָלקנס ציען אויפן הימל,

פונקלען כוואַליעס שלאָגן אָן צום ברעג —
פיר מיך, לאָדקע, אין דער ווייט אַוועק —
פון דעם טרויער, וואָס קוועלט אָן אין האַרץ
און פון ברעג וווּ ס׳לויערט שוין דער האַרבסט...!

וויג מיך, לאָדקע, וויג מיך איין צום דרימל
און פאַרוויג אונטער דעם שטילן הימל,
וואָס פאַרלאָרן כ׳האָב אויף מיינע וועגן
צווישן אויפרייס, שווידער און געיעגן.

איך בין איצט געבליבן דאָ אַליין —
וויג מיך, לאָדקע, איין מיט מיין געוויין.

# פון הארץ צו הארץ

## אויך דו...

עס איז ווייט צו די שטערן דער וועג,
און נאָך ווייטער דער וועג איז צו דיר,
און עס ציען זיך אייביק די טעג,
ווי דער מילך־וועג אין בלויען עפיר.

אָ, דער וועג צו די שטערן איז ווייט
אינעם נאכטיקן טונקל פארהילט.
דאָך עס טרעפט זיך אַז אויגנבליק צייט
ווען די נאָענטקייט פון שטערן איך פיל.

אָ, אויך דו אין דער ווייט ערגעץ שיינסט,
גלייך א שטערן א קאלטער ביינאכט,
נאָר די שיין פון דיין בליק מיך פארמיידט,
און דער וועג איז צו דיר אלץ פארמאכט.

# אַ רגע...

באַהאַלטסטו זיך אין שאָטן פֿון דיין אומעט —
דאַן בלייב איך שטיין אַ שטומער ביי דיין שוועל —
דיין פֿרעמדקייט ווי אַ שווערע טיר זיך שטעלט,
און כ'וואַרט דיך אָפּ אין דעמער־שיין פֿאַראומערט.

וואָס וויל איך דען? נישט מער ווי אויף אַ רגע,
דער נעפּל זאָל פֿאַרשווינדן פֿון דיין בליק
און, ווי די זון באַגין קומט אויף צוריק,
כ'זאָל דיך דערזען, און זיין דערנאָך געזעגנט...

און קלאַפּ איך אָן, אַ פֿרעמדער, אין דיין טויער
און בעט זיך שטיל: „אָ, עפֿן, עפֿן אויף" —
ביז ווייטאָג אָנגעשפּאַנט עס איז מיין אויער —
ווייל אפשר ועסטו טאָן צולעצט אַ רוף.

נאָר ס'איז אומזיסט. דו בלייבסט אַזוי באַהאַלטן —
אין דרויסן טריפֿט אַ רעגנדל אַ קאַלטעס...

דרושניקי 1947.

# ס'איז אַלץ געווען...

ס'איז אַלץ געווען אין אָט דער לעצטער רגע:
די העלקייט פון דיין אויפגעוואַכטן בליק,
דער שמייכל וואָס האָט אויפגעשיינט צוריק —
כ'האָב נאָכאַמאָל דערזען דיך און געזעגנט.

ס'איז אַלץ געווען, און ווי אַ בליץ פאַרלאָשן,
און ווידער זיינען וואָלקנס גרוי און שווער
און דריקן נידעריק אַראָפּ צו דר'ערד;
און אין מיין האַרץ — נאָר אייזיקע פאַרדראָסן.

נאָר ווען אַמאָל אין מיטן האַלבער נאַכט
אויף מיין נעלעגער פאַלט אַראָפּ אַ שטערן,
דערזע איך אין זיין שיין דיך אויפגעוואַכט
און ס'איז אַזוי אַ שאָד אַנדרימלט ווערן,

ווייל בלויז נאָר דאַן אין יענעם העלן אויגנבליק
דערזע איך דיך, מיין יוגנט־מרוים, צוריק...

דרושניקי 1947.

# א קלאַנג...

כ'האָב דעם זילבערנעם קלאַנג פון דיין נאָמען
אין דער שטילקייט פון אָוונט דערהערט —
ווי אין פרילינג אַ לויטערער זאָמען
אין געמיט האָט ביי מיר אויפגעיערט.

דער קלאַנג וואַקסט אין מיר זיך פאַנאַנדער
ווי אין שוואַרצער צעאַקערטער ערד
און גייט אויף, שפּראָצט אַרויס און ווערט אַנדערש —
און ווערט ליד, וואָס צו דיר נאָר געהערט.

נעם דאָס ליד, טראָג עס דורך אויף די וועגן,
וואָס אַליין איז דיר דורכגיין באַשערט.
וועט דיר אָנקומען עמעץ אַנטקעגן
און ווי איך אין דיין קלאַנג איינגעהערט,

וועט ער אויך, ווי אין פרילינג ציבליען
פון דיין זוניקן שמייכל געגנערט.
און ווי איך, און ווי איך וועט ער קניען
פאַר דיין ליכטיקן טראָט אויף דער ערד..

## „יא“...

ס'האָבן כוואַליעכלעך קוים זיך געהוידעט,
ס'האָט אַ צווייג זיך געוויגט איבער אונז;
ביסט געזעסן אַזוי ווי פאַרסודעט
און פאַרטיפֿט אין דער שטילקייט אַרום.

כ'האָב געוואָרט דו זאָלסט אויפֿהערן שווייגן,
בלויז דיין בליק האָט אַ העלער געברענט.
ווי אַרום די פאַרלוירענע צווייגן,
האָבן שטיל זיך געוויגט מיינע הענט.

כ'האָב געוואָרט. האַלבע נאַכט איז אַריבער —
פאַר באַגין איז געקומען די שעה.
און פּלוצעם אַזוי ווי אין פֿיבער
אַ שעפּטשע געטאָן האָסטו „יאָ“...

דרושניקי 1947.

# דאָס איינציקע...

דאָס איינציקע, וואָס חעלט פאַר מיינע אויגן,
דאָס איז די ווייסקייט פון דיין טיכל־פאַר.
דער צוג איז לאַנג שוין אין דער ווייט פאַרפלויגן,
נאָר יענע ווייסקייט פלאַטערט אַלץ מיר נאָך.

מיך פירט אהיים דער שטילער אוונט־טרויער,
וואָס עפנט אויף פאַר מיר די זעלבע טיר,
נאָר שווער איז מיר אליין זיך צו געטרויען,
אַז יענע ווייסקייט פלאַטערט נאָך פאַר מיר.

דאָס איינציקע, וואָס כ'האָב אין זיך באהאַלטן,
דאָס איז דיין בליק, וואָס לעשט זיך אין מיר אויס.
אַ, ווי ס'וואָלט זיך מיר דיין בליק אין מיר דערהאַלטן
און יענע ווייסקייט אין דיין קליינעם פויסט!...

דרושניקי 1947.

## ווו ביסטו?...

וווי ס׳רופט זיינע לעמער דער פאסטוך צוזאמען פארנאכטצו,
דו רופסט מיינע שעהן צו דיר מיט דיין גלעקלדיק קול.
מיין הארץ, ווי אַ לעמעלע מילד, נאָר צו דיר איילט אויף אָפּרו,
מיין טראָט צו דיין שוועל אזוי לייכט ווי געשאָרענע וואָל.

אָ, פיר מיינע דורשטיקע שעהן וואָס גיכער צום וואסער —
געבענטשט זאָל איך זיין מיט דער שטילער, דער לעמערשער רו,
דער טאָג גייט שוין אוים און ווערט בלאסער, און בלאסער,
און בלאסער —
באַפאַלט מיך אַ שרעק און איך זוך דיך: אווו ביסטו? ווו?

דרושניקי 1947.

# א י ך

## כ'זינג...

כ'זינג דאָס ליד פונעם אייביקן וועבן
צו דער ערד, וואָס איז אַלץ אַזוי יונג
אונטער בלענדיקן שימער פון שטערן.

כ'זינג דאָס ליד צו די זוניקע שטראַלן,
וואָס זיי שיטן זיך אייביק אַראָפּ
און ווי גילדערנע נאַרעלעך פאַלן.

כ'זינג צום בוים און זיין ראָזיקן בליען —
גיט אַ ווינטל אַ הויך אַזוי מילד
און די ראָזיקע פּלאַטערלעך פליען.

אָ, איך זינג די פאַרגאַנגענע יאָרן,
וועלכע גייען איצט אויף אין מיין קינד,
ווי אַ ליד, וואָס כ'האָב לאַנג שוין פאַרלאָרן.

אָט דאָס ליד פונם אייביקן ווערן,
וואָס עס זינגט איצט אַרויס פון מיין בלוט —
צו מיין קינד וועט דאָס ליד דאָך געהערן...

דרושניקי 1947.

# כ'וועל בענטשן די שיין

כ'וועל בענטשן די שיין פון מיין שטערן,
וואָס קיינמאָל וועט טונקלער נישט ווערן;
דאָס ליכט, וואָס אײַנמיטן דער נאַכט
דאָס מידע געלעגער באַוואַכט.

כ'וועל בענטשן די שיין פון מיין שטערן —
די בענקשאַפט, וואָס טוט מיך פאַרצערן
און טרייבט צו אַ שטראַליקן ברעג
דורך לוימערע גילדערנע טעג;

די שיין וועלכע העלט אין געמיט
און גליט אין דעם אומרו פון ליד.
כ'וועל בענטשן דאָס ליכט פון מיין שטערן
און ס'ליד, וואָס האַלט אייביק אין ווערן...

## באַגינען...

אַ שעה פאַר באַגינען צופֿוסנס פֿון באַרג —
אויף וועמען דען וואַרט איך, אויף וועמען?
ס'זאָל קומען אַ ברודער פֿון ווייטנס און שטאַרק
מיין האַנט אין זיין פֿויסט זאָל פֿאַרקלעמען.

אַ ברודער זאָל קומען פֿון ווייטנס אַהער
אין טונקעלער שעה פֿון באַגינען —
צוזאַמען מיט מיר אויף דער האַזיקער ערד
זיין רואיקייט זאָל ער געפֿינען.

איך וואַרט, אין דער טונקלקייט איינגעהילט, שטום —
אין מזרח־זייט הייבט אָן צו העלן.
די בענקשאַפֿט צעריינט ווי די נאַכט דאָ אַרום —
מיין פֿרייד מיטן טאָג הויבט אָן קוועלן.

איך שטיי שוין נישט מער ביים צופֿוסן פֿון באַרג,
איך הייב זיך אַליין העכער און העכער.
עס שפּרייט אויס די זון אויף מיין נאַסטען קאַרק
פֿון גאָלדענע שטראַלן אַ פֿעכער.

דרושניקי 1947.

# צו אַ שוועל...

איך וועל צוגיין צו עמעצנס שוועל
און וועל אָנקלאַפּן שטיל אין אַ טיר.
מיט אַ ליבשאַפט וועט געבן אַ העל:
— קום אריין, ס'איז דער טיש אויך פאַר דיר!

קום אריין אונטער היימישן דאַך,
ווי אַ ברודער, זיי האַרציק געגריסט!
ס'וועט אַ בליק צו מיר געבן אַ לאַך,
כ'וועט אַ מידקייט פאַרוויגן די פיס...

איך וועל צודריקן עמעצנס האַנט
צו מיין הייסער, צעשטורעמטער ברוסט
און וועל בענטשן דאָס זוניקע לאַנד,
וואו אַ יעדעס געזיכט איז אַ גרוס

פון אַ ווייטער, אַ שטראַליקער ערד,
וועלכע גאָלדיקט שוין לאַנג אין געמיט — — —
אַ, ווער ווייסט צי וועט זיין מיר באַשערט
צו דערזינגען ביז דעמאָלט מיין ליד...

# כ׳וואָלט וועלן...

כ׳וואָלט וועלן מיין בענקשאַפט פאַרוויגן
ווי ס׳איינענע קינד אין דער וויג
מיט יענעם אַמאָליקן ניגון,
ווי ס׳האָט מיר די מאַמע פאַרוויגט.

כ׳וואָלט וועלן דאָס האַרץ מיינס פאַרשטילן,
וואָס טרייבט מיך און ציט ערגעץ ווו —
און זאָגן פון אָוונט די תפילה
אין שטילער און היימישער רו.

כ׳וואָלט וועלן פאַרנאַכטצו אַ מידער
זיך זעצן ביים היימישן טיש,
און זאָל מיר אויף ס׳ניי אין די לידער
אַ קלונג טאָן די פרייד אזוי פריש...

לאָדזש, 1947.

# אַ שעה אַזאַ שטילע

אַ שעה אַזאַ שטילע קומט אָן.
די זון איז אין בלוט אויסגעגאַנגען,
דעם אָוונט — אַ שוואַרץ־בלויע פאָן,
אין מערב האָט ווער אויפגעהאַנגען...

אַ שעה אַזאַ שטילע, און איך,
אַ וואַנדערער, קני איצט אַנידער
און שעפטשע אַ תפילה פאַר זיך
צום טאָג, וואָס וועט אויפקומען ווידער.

אַ שעה אַזאַ שטילע. איך ווייס,
מיין בענקשאַפט איך קען נישט דעריאָגן.
מיין בלוט צאַפּלט אויף אַזוי הייס
צום אָנקום פון גרויען פאַרטאָגן...

אַ שעה אַזאַ שטילע. כ'בין מיד
פון טאָג, וואָס רוישט נאָך אין מיין אויער.
נאָר ליבער איז מיר אַלץ דאָס ליד
פון טאָג, ווי פון אָוונט דער טרויער.

אַ שעה אַזאַ שטילע, איך הער,
אין האַרץ הערט נישט אויף מיר צו נאָגן,
זוי שווער איז אַליין מיר, ווי שווער
דאָס ליד ביזן טאָג צו דערטראָגן...

וואַרשע האַרבסט 1948

# פאר וועמען...

פאר וועמען מיין פרייד היינט, פאר וועמען?
די ערד האט פונסניי זיך צעגרינט,
ביים הארצן עס טוט אזוי קלעמען,
אז וויינען איך וואלט ווי א קינד.

ארומנעמען כ׳וואלט יעדעס צווייגל
און יעטוועדעס בלעטל צעקושט.
א פויגל וואס רייסט זיך פון שטייגל —
די פרייד שפארט ארויס פון דער ברוסט.

כ׳וואלט אויסזינגען ווידער דעם ניגון,
וואס קוועלט אזוי אן אין מיין לייב.
א לויטערקייט טוט מיך פארוויגן
און עפעס א בענקשאפט מיך טרייבט.

פאר וועמען מיין בענקשאפט, פאר וועמען,
אז איך בין אין פרילינג אליין,
און האב נישט, און האב נישט מיט וועמען
צו טיילן מיין פריידיק געוויין..

לאדזש, 1947.

סוף

# א ינהאלט

## איך גלויב


1. מיט אייך — 6—5
2. איך גלויב — 7—6
3. א גרוס דיר, מיין גליקלעכער ברודער — 8—7
4. די געלע לאטע — 9—8
5. אויף די קני וועסטו פאלן — 19—9
6. אונדזער זיג — 11—10
7. קען זיין — 12—11
8. יענע נאכט — 15—12
9. ביים ווייסל — 17—15
10. בויען מיר אויף ס'ניי — 18—17
11. ווידער — 19—18
12. וו איז דער גערעכטער — 20—19
13. פון א שיף — 21—20
14. אף על פי — 23—21
15. א ציגל אין וואנט — 24—23
16. די מויערער מיין גרוס — 26—24
17. א פענצטער צו דער וועלט — 28—26


## אקטאבער


18. אין סטעפ — 29—98
19. א נאכט אזא — 30—29
20. איך גערענס — 31—30
21. רו — 32—31
22. ס'איז שוין פרילינג געווים — 33—32
23. דריי בעריאזעס — 34—33
24. צום רויט = ארמייער — 36—34
25. זיי אים מוחל — 37—36
26. אומזיסט — 38—37
27. די טרעפערין — 39—38

## חורבות


28. נאַר גישט קומען צו שפּעט — — — — 39 — 40
29. ווי די שפּאַרבערם — — — — — — — — 40 — 41
30. מיין מאַמע — — — — — — — — — — 41 — 42
31. ביים שוועלבעלע וועל איך זיך פרעגן — 42 — 43
32. מיין ירושה — — — — — — — — — 43 — 44
33. דאָס ליד פון דעם קופּערנעם גראָשן —44 — 47
34. ווי לאַנג נאָך — — — — — — — — — 47 — 48


## לידער פון סאַנאַטאָריום


35. עס שנייט און עס שנייט — — — — — — 48 — 49
36. שפּילקיים — — — — — — — — 49 — 50
37. דער וועג צום פאַנאַר — — — — — — 50 — 51
38. לידער פון סאַנאַטאָריום: א, ב, ג, ד, ה, ו, 51 — 54
39. רואיק איז די אָזיערע — — — — — — 54 — 55
40. עס ברענען די בערג — — — — — — — 54 — 55
41. רוען וויל איך — — — — — — — — 55 — 56
42. וויג מיך, לאָדקע — — — — — — — — 56 — 57


## פון הארץ צו הארץ


43. אויך דו — — — — — — — — 57 — 58
44. א רגע — — — — — — — — 58 — 59
45. ס'איז אַלץ געווען — — — — — — — 59 — 60
46. א קלאַנג — — — — — — — — 60 — 61
47. יאָ — — — — — — — — 61 — 62
48. דאָס איינציקע — — — — — — — — 62 — 63
49. וו ביסטו? — — — — — — — — 63 — 64


## איך


51. כ'וועל בענטשן די שיין — — — — — — — 65 — 66
52. באַגינען — — — — — — — — 66 — 67
53. צו א שוועל — — — — — — — — 67 — 68
54. כ'וואָלט וועלן — — — — — — — — 68 — 69
55. א שעה אזא שטילע — — — — — — — 69 — 70
50. כ'זינג — — — — — — — — 64 — 65
56. פאַר וועמען — — — — — — — — 70 — 71

## ביכער דערשינענע אין פארלאג:

1) "מלכות געטא" – נאָוועלן פון ישעיהו שפיגל.
2) „דער מענטש וועט גוט זיין" – משלים פון ל. אָליצקי.
3) „מיט אש איבן קאָפּ" – לידער פון א. זאַק.
4) „אויף די חורבות" – פּאָעמע פון ח. גראַדע.
5) „אַ בוים אין ווינט" – דערציילונגען פון י. אָקרוטני.
6) „מלך שאול" – ביבלישע טראַגעדיע פון י. אַשענדאָרף.
7) „יידן אין געלע לאַטעס" – סקיצן פון ה. סמאָליאַר.
8) „דער אָפּגרונט רופט" – לידער פון גוטע גוטערמאַן.
9) „אַ ייד צווישן פויערים" – פּיעסע פון ש. דיאַמאַנט.
10) „דורך שאָטן און שיין" – לידער און פּאָעמען פון בינעם העלער
11) „אויף ברענענדיקע וועגן" – דערציילונגען פון י. גוטערמאַן
12) „אַ בענטשער צו דער וועלט" – לידער פון פסח בינעצקי

---

ר ע ד א ק צ י ע פ ו ן פ א ר ל א ג:

ל. אליצקי ד. ספארד,

ס״030665

**Cena złotych 100,**

ISBN:0-657-01470-2
Old Call No.,96-187 v.